בס"ד

# תורת אביגדור

## באידיש

## הגאון ר' אביגדור מיללער זצ"ל

**ספר דברים**

**נתנדב לזכות יואל בן אסתר רחל**
**וזוג' היינצא יהודית בת אסתר ניסל, וכל יוצאי חלציהם**

## ראש השנה

# דער יום הדין

**פרנס השבוע**

לע"נ
**ר' פנחס בן ר' יעקב** ע"ה
**ר' ישכר דוב בן ר' יעקב נפתלי** ע"ה

לרפואת שלימה
**יהודא בן רחל** בתושח"י

לע"נ
**מרת רחל בת ר' שלמה** ע"ה

צו מנדב זיין רופט:
**347.451.0332**
אימעילט: Director@torasavigdor.org



לימוד "תורת אביגדור" מוקדש לע"נ האי גברא רבא,
איש יקר מאוד נעלה, רודף צדקה וחסד בכל נימי נפשו,

**הרה"ח המפואר מו"ה ר' מיכאל משה יהודה ב"ר**
**יצחק ישכר מנחם מנדל זילבערבערג ע"ה**

**הוא הגבר מוליך ומביא כמה שנים, מידי שבוע בשבוע, מבית מדרש לבית מדרש להפיץ הגליונות "תורת אביגדור" אידיש ואנגליש, ועוד כמה גליונות חשובות בחפץ לב, במטרה להרבות כבוד שמים.**

זכה וזיכה הרבים במסירות נפש עד זיבולא בתרייתא כשנפ' ערב חג הסוכות תשפ"ב. יהא זכרו ברוך

בעת **שמחה** ווען איר ווילט ארויסווייזן אייער **הכרת הטוב** פאר השי"ת,
אדער ווען איר נוטיגט זיך אין א **ישועה**,

**ניצט אויס די כח פון מזכה זיין און טוהן חסד מיט הונדערטער אידן אריינצוברענגען אין זיי חיות און דעת**

**זייט מנדב 2000 תורת אביגדור'ס פאר בלויז $600 א וואך**

**צו מנדב זיין די הפצה אין**
**בארא פארק רופט: 347.451.0332**
אימעילט: Director@torasavigdor.org
פאר סיי וועלכע אנדערע פראגעס ביטע רופט: 732-844-3670 x103

**צו מנדב זיין די הפצה אין וויליאמסבורג**
**רופט: 929.236.6802**

**צו מנדב זיין די הפצה אין קרית יואל**
**רופט: 845.213.7571** לאזט א מעסעטשש

**פאר לינדען נ.ז. 347-415-6571**

**פאר אנטווערפען רופט 0484.714.425 - 0484.229.929**

**פאר די אלוועלטליכע הפצה רופט 347-451-033**

לויט וויפיל געלט אזויפיל קאפיס קענען מיר מאכן
**נאך א תורת אביגדור, נאך א נשמה באגייסטערט!**

בעריכה מיוחדת
גליונות לשבת קודש

© Copyright 2021 by: TorasAvigdor.org

Email: Director@torasavigdor.org | Telephone: 347.451.0332
Address: 1276 50th street, Brooklyn NY 11219

# ראש השנה
שנה ד׳

# דער יום הדין

## תוכן:

חלק א. איוב׳ס משפט - חלק ב. מלאכיםביים משפט - חלק ג. לעבעדיגע מלאכים - חלק ד. לערעס פון די מלאכים

# חלק א. איוב׳ס מלאכים

## ציטערניש און פארכט

עס איז דער לעצטער טאג פון יאר, די נאכט פאר ראש השנה, און אזוי אינאיינעם, שטייען מיר פאר דעם טאג פון משפט. און דאס מיינט אז ס׳איז אן ערנסטע צייט אין אונזער לעבן, זייער ערנסט.

איינע פון די שטארקע לשונות אויף די צייט פון ערב ראש השנה איז, **סָמַר מִפַּחְדְּךָ בְשָׂרִי וּמִמִּשְׁפָּטֶיךָ יָרֵאתִי** - מיין פלייש ציטערט פון די שרעק פון דיר און איך פארכט זיך פון דיינע משפטים (תהלים קיט:קכ). דאס איז וויכטיג פאר יעדן צו לייגן פארנט פון זיין מח; דער פחד פאר׳ן יום הדין. אפילו דוד המלך, דעם באשעפער׳ס אויסדערוועלטער, האט געזאגט, **וְאַל תָּבוֹא בְמִשְׁפָּט אֶת עַבְדֶּךָ כִּי לֹא יִצְדַּק לְפָנֶיךָ כָל חָי** - ״קום נישט מיט דין מיט דיין קנעכט ווייל קיין לעבעדיגער קען נישט זיין גערעכט פאר דיר.״ (שם. קמג:ב).

ס׳איז דא אזויפיל וואס איז וויכטיג צו זאגן, ווייל מיר שטייען נישט בלויז פאר איין טאג פון משפט - אודאי איז דאס די וויכטיגסטע זאך אין אונזערע געדאנקען - אבער אייגנטליך שטייען מיר פאר׳ן צוקומפט פון אונזערע לעבנס אויך, ווייל אזוי פיל ווערט באשטימט אין די טעג.

## תוצאות פונעם משפט

צומאל קען א מענטש ווערן גע׳משפט יעצט אויף אייביג. צום ביישפיל, א מענטש קען גע׳משפט ווערן ראש השנה אז ער גייט זיך אריבערציען צו א נייער געגנט; ער קען באקומען געוויסע גוטע חברים און ער וועט אנהייבן גיין צו די ריכטיגע שיעורים. קומט אויס אז דער מענטש גייט יעצט באקומען א פארדינסט וואס וועט אים העלפן אויף זיין גאנץ לעבן. עס וועט אים העלפן אויך אויף די קומענדיגע וועלט.

און עס קען חס ושלום זיין פארקערט. דער באשעפער איז נישט צופרידן מיט אים און ער זאגט, ״צי זיך אוועק צו א ווייטע קליינע שטעטל אין ניו זשורזי וואו עס זענען דא זייער ווייניג פרומע אידן.״ זיינע קינדער וועלן נישט האבן די ריכטיגע מעגליכקייטן צו וואקסן פרום. זיי וועלן גיין צו די

מאדערנע שולע וואו יעדער האט טעלעוויזיעס און זיי רעדן פון שפילערס און בעיסבאל העלדן א גאנצע צייט.

און וואס וועט פאסירן מיט זיין ווייב? זי וועט באקומען מאדערנע אנשויאונגען פון די שכנים און נאך א שטיק צייט וועט ער ווערן רואינירט. זיין ווייב וועט זיין רואינירט. זיינע קינדער וועלן זיין רואינירט; זיין הצלחה וועט אנהייבן צו אונטערגיין אינגאנצן. און אט דאס אלעס פאסירט אין איין ראש השנה. דאס מיינט, אז מיר רעדן יעצט איבער א פסק דין פאר זיין גאנץ לעבן; און נישט נאר פאר די יעצטיגע לעבן נאר לאור באור החיים - עס איז משפיע אויך אויף עולם הבא.

## שווערע צרות

און דערפאר, וואלט כדאי געווען צו טרעפן א געוויסער גאנג, עפעס א דרך, וואס וועט אונז העלפן מצליח זיין נישט נאר אין דעם לעצטן טאג פון יאר, נאר עפעס וואס וועט אונז העלפן מצליח זיין אויף פיל, פיל טעג דערנאך.

אלזא, וועלן מיר אצינד אנהייבן מיט עטליכע פסוקים פון איוב (לג:ח-יג,טו-טז,יח-כה) וואס רעדט פון דעם טאג פון משפט. יעדער געדענקט וואס עס שטייט ווען איוב איז געלעגן אין זיין נידריגן מצב, קראנק און פאראַרעמט; ער האט אלעס פארלוירן; זיין ווייב, זיינע קינדער און זיין עשירות, זענען געווען א פארגאנגענהייט.

למעשה, איוב איז געווען אן איש תם וישר, א מענטש מיט א שטארקע ערליכקייט, און דערפאר האט ער זיך אפגערעדט אז ער פארשטייט נישט פארוואס דער באשעפער האט אים געשיקט אזעלכע צרות. זענען פיל פון זיינע פריינט אים געקומען באזוכן, צו טרייסטן און אים מחזק זיין.

יעדער פון זיי האט גערעדט געוואלדיגע און טייערע רייד אבער נאך וואס זיי האבן געענדיגט איז אנגעקומען איינער, **אֱלִיהוּא בֶן בַּרַכְאֵל**. ער איז זיכער געווען א ישראל; אויף די אנדערע איז א ספק - ס'קען זיין אז זיי זענען געווען פון די חכמי האומות - אבער אליהוא בן ברכאל איז געווען א איד און דערפאר וועלן מיר צוהערן זיינע ווערטער פארזיכטיג.

## באשולדיגט דעם שופט

**אַךְ אָמַרְתָּ בְאָזְנָי** - "דו, איוב, האסט גערעדט אין מיינע אויערן, **וְקוֹל מִלִּין אֶשְׁמָע** - און איך האב געהערט דאס קול פון דיינע ווערטער." און וואס זאגסטו למעשה? דו רעדסט זיך אפ, **זַךְ אֲנִי בְּלִי פָשַׁע** - "איך בין ריין פון יעדן שולד, **חַף אָנֹכִי וְלֹא עָוֹן לִי** - איך בין ריין און עס איז נישטא קיין זינד מיט וואס מ'קען מיר באשולדיגן." און דערפאר באשולדיגסטו דעם באשעפער: **הֵן תְּנוּאוֹת עָלַי יִמְצָא** - "דער באשעפער טרעפט סיבות מיר צו באשולדיגן, **יַחְשְׁבֵנִי לְאוֹיֵב לוֹ** - און ער באטראכט מיר ווי א פיינט."

למעשה דארפן מיר פארשטיין אז די רייד זענען נישט געקומען פון נישט אנערקענען אין באשעפער. פארקערט, מיר זענען נישט אין די מדריגה פון אמונה ביי וואס די קדמונים זענען געווען, אז מיר זאלן קענען זאגן אזא זאך. ווען מיר זאגן דאס ווארט "ה'" שפירן מיר אינגאנצן נישט די משמעות דערפון מער ווי נאך א ווארט אין סידור. אבער אין די פריערדיגע צייטן האבן אידן באמת געגלייבט אין דער מציאות פון "ה'", אז דער באשעפער איז א מציאות וואס איז אין סוף, ענדלאז, און ער קען נישט ווערן צוגעגליכן צו גארנישט. **אֵין לוֹ דְּמוּת הַגּוּף און מִי דּוֹמֶה לוֹ**, קיין זאך קען זיך נישט פארגלייכן צום באשעפער, אבער דאך איז עס אן עיקר אין אונזער אמונה אז דער באשעפער

איז א פאקטישער מציאות. דער באשעפער פירט זיך לויט זיינע מחשבות, כביכול. ער רעאגירט צו אונזערע מעשים - גוטע און שלעכטע - און לויט דעם טוט ער אונז משפט'ן.

און די קדמונים האבן דאס געשפירט מיט א טיפקייט, ס'איז געלעגן אין זייערע ביינער, און דאס האט איוב געשפירט פאקטיש, ווי דער באשעפער איז דער וואס שיקט אים די אלע צרות, אבער עס האט אים אויסגעזען אז דער באשעפער טוט אים אומזיסט באשולדיגן. **יָשֵׂם בַּסַּד רַגְלָי** - ער לייגט מיינע פיס אין קייטן ווי אן ארעסטירטער, **יִשְׁמֹר כָּל אָרְחֹתָי** - און ער באגרעניצט אלע מיינע וועגן. דער באשעפער האט פארמאכט פאר איוב אלע וועגן פון א נארמאלע לעבן, נארמאלע אומשטענדן. ער האט אפילו נישט געהאט מער קיין היים. ער איז געלעגן אין די עפנטליכע מיסטן, אין די אשפה. ער איז געווען רואינירט! און ער האט אויסגעשטרעקט א באשולדיגונגס פינגער צום באשעפער.

## פיינלאזע רמזים

אבער אליהוא האט נישט געלאזט איוב סתם אזוי הענגען און ער האט געזאגט, **הֶן זֹאת לֹא צָדַקְתָּ** - "אין די טענות ביסטו נישט גערעכט, **אֶעֱנֶךָּ** - און איך וועל דיר ענטפערן." דו ביסט נישט גערעכט און איך וועל דיר שטעלן אין פלאץ. **כִּי יִרְבֶּה אֱלוֹקַ מֵאֱנוֹשׁ** - "צי דען קען א מענטש זיין גרעסער און בעסער ווי דעם באשעפער?" ווען עס קומט צו א קאנפליקט צווישן דעם באשעפער און א מענטש, צי קען דען אמאל א מענטש זיין גערעכט? **מַדּוּעַ אֵלָיו רִיבוֹתָ** - "פארוואס האסטו געקריגט אויפ'ן באשעפער, **כִּי כָל דְּבָרָיו לֹא יַעֲנֶה** - ווען דער אמת איז אז דו וועסט נישט געענטפערט ווערן אין א וועג וואס דו שטעלסט זיך פאר."

אצינד הייבט ער אן צו ערקלערן: וואס דער באשעפער טוט איז פאר דיין טובה. כדי מענטשן זאלן בעסער ווערן שיקט זיי דער באשעפער וואונקען וואס מ'טאר נישט איגנארירן. די ערשטע שטאפל איז דער לייכסטער און גרינגסטער שריט; **בַּחֲלוֹם** - אין חלום, **חֶזְיוֹן לַיְלָה** - אין א זעאונג ביינאכט, **בִּנְפֹל תַּרְדֵּמָה עַל אֲנָשִׁים** - ווען א שלאף פאלט אויף די מענטשן, **בִּתְנוּמוֹת עֲלֵי מִשְׁכָּב** - ווען זיי ליגן אין זייערע בעטן, דאן געבט זיי צומאל דער באשעפער א רמז פון וואס ער איז נישט צופרידן מיט זיי, פון וואס זיי דארפן פראבירן צו פאררעכטן.

דאס איז דער מערסטער פיינלאזער רמז. **אָז יִגְלֶה אֹזֶן אֲנָשִׁים** - ער דעקט אויף די אויערן פונעם מענטש; אין זייערע חלומות זעען זיי זייערע זינד. און דער צוועק דערפון איז צו העלפן א מענטש אנטדעקן זיינע פעלערס. **לְהָסִיר אָדָם מַעֲשֶׂה** - צו אוועקנעמען דעם מענטש פון טון שלעכטע מעשים, **וְגֵוָה מִגֶּבֶר יְכַסֶּה** - און צו אוועקנעמען שטאלץ און גאוה פונעם מענטש. צומאל באמערקט נישט א מענטש וואספארא בעל גאוה ער איז, אבער אין זיין חלום לאזט ער נאך און ער זאגט און טוט געוויסע זאכן וואס נאר זייער א גרויסער בעל גאוה וואלט געטון. למעשה, כאטש ער האט עס נישט געטון ווייל ער וויל נישט אז מענטש זאלן טראכטן שלעכטס אויף אים; ער וויל מענטש זאלן טראכטן גוט אויף אים, אבער אין זיין הארץ נעסטיגט עס דארט. און דאן ניצט דער באשעפער א חלום צו אויפדעקן זיין מח אזוי אז ער זאל זען וואס איז שלעכט מיט אים.

## אנטפלעקונגען אין די חלומות

לאמיר זאגן אז אין זיין חלום ווערט א מענטש אויפגערעגט און ער שלאגט איינעם - אייגנטליך וואלט ער עס נישט געטון בשעת ער איז וואך, אבער דער פאקט אז ער האט דאס גע'חלומ'ט ווייזט אז ער האט די שלעכטס אין זיך. צומאל קען ער עובר זיין אין זיין חלום אויף א גרויסע עבירה פון

אוממאראלישקייט. למעשה וואלט ער נישט געטון אזא זאך ווען ער איז וואך, אבער דאס ווייזט אז אין זיין קאפ דרייען זיך שלעכטע געדאנקען.

איך געדענק יארן צוריק ווען איך האב אמאל גע'חלומ'ט אז איך זיץ אין א וואנע פול מיט געלט. עס איז געווען א טרוקענע וואנע אנגעפילט מיט געלט. ס'איז געווען א געשמאקער חלום אבער אינדערפרי האב איך זיך געפרעגט, "פארוואס איז דאס, אז איך חלום נישט פון באשעפער?" דאס איז זייער א גרויסע קשיא! פארוואס חלום איך נישט פון באשעפער?! אפשר האט דער באשעפער דאס גערעדט צו מיר, אפשר עפעס אנדערש. עס האט אבער קיינמאל נישט פאסירט! אסאך, אסאך יארן זענען אריבער און גארנישט. איך רעד דערפון א גאנצע צייט אבער איך האב קיינמאל נישט גע'חלומ'ט דערפון.

דער ענטפער איז, אז יעצט זע איך וואספארא היפאקריט איך בין. **אֵין מַרְאִין לוֹ לְאָדָם אֶלָּא מֵהִרְהוּרֵי לִבּוֹ** - מען ווייזט פאר א מענטש אין חלום דאס פון וואס ער טראכט (ברכות נה:). עס זאגט דיר דעם אמת איבער דיר. איר פארשטייט דאס? א חלום אנטפלעקט דיר צומאל וויכטיגע זאכן איבער דיר.

און וואס איז דער ציל? דער ציל איז, **יַחְשֹׂךְ נַפְשׁוֹ מִנִּי שָׁחַת** - דער באשעפער וויל ראטעווען דעם מענטש פון גרוב, **וְחַיָּתוֹ מֵעֲבֹר בַּשָּׁלַח** - און זיין נשמה, דאס מיינט זיין לעבן, ווערט באשיצט פון דורכגיין דעם שווערד. ווען נישט וועט דער מענטש פארזעצן צו ווערן ערגער און ער וועט דארפן פארלאזן די וועלט. ווער ווייסט וואס וועט פאסירן צו אים אויב דער חלום וואלט אים נישט געשטעלט אויף דעם ריכטיגן וועג? "איז אלזא," האט אליהוא געזאגט, "עס איז פאר אונזער טובה סיי וואס דער באשעפער טוט, ווייל ער ברענגט ארויס פאר אונז די זאכן וואס מיר דארפן פארבעסערן."

## שטארקערע רמזים

אלזא, לאמיר זאגן דער מענטש לייגט נישט צו אויפמערקזאמקייט צו זיין חלום; דאן נעמט דער באשעפער דעם קומענדיגן שריט. **וְהוּכַח בְּמַכְאוֹב עַל מִשְׁכָּבוֹ** - ער וועט אים מוסר'ן מיט קרענק, מיט ווייטאג, אויף זיין געלעגער. ער וועט ליגן אין בעט ליידנדיג יסורים. **וְרוֹב עֲצָמָיו אֵתָן** - און רוב פון זיינע ביינער וועלן ווערן הארט; זיי וועלן ווערן פארשטייפט און ער וועט האבן ווייטאגן אין זיינע געלענקען. **וְזִהֲמַתּוּ חַיָּתוֹ לָחֶם** - און זיין זעל וועט פאר'מיאוס'ן די ברויט; ער ליגט קראנק און ער קען אפילו נישט עסן. **וְנַפְשׁוֹ מַאֲכַל תַּאֲוָה** - אפילו גלוסטיגע עסן, וואס געווענליך האט יעדער ליב, קען ער נישט קוקן דערויף ווייל ער איז אזוי קראנק. **יִכֶל בְּשָׂרוֹ מֵרֹאִי** - זיין קערפער ווערט איינגעאנגען; עס ווערט זייער דין און ער ווערט אויסגעדארט. **וְשֻׁפּוּ עַצְמוֹתָיו לֹא רֻאוּ** - און זיינע ביינער ווערן פאררוקט; די ביינער זענען פארקרומט. ער ליידט אויף די געלענקען און קרומקייט אין די ביינער.

ווייל ער באציט זיך נישט צום רמז טוט דער באשעפער פארמערן די דערמאנונגען פון אלע זייטן. עס קומט איין זאך נאך די אנדערע. **וַתִּקְרַב לַשַּׁחַת נַפְשׁוֹ** - זיין זעל דערנענטערט זיך צום גרוב, **וְחַיָּתוֹ לַמְמִתִים** - און זיין זעל ווערט איבערגעגעבן צו פארטיליגערס פון אלע זייטן. דער ווינט בלאזט און ער כאפט א פארקילעכטס. ווען ער גייט, פאלט ער אראפ און צעברעכט זיך א ביין. און יעצט איז ער אין בעט אפאר וואכן. פון אלע זייטן ברענגט דער באשעפער זאכן וואס זאלן אים צוגרונט לייגן.

יעצט איז דער מענטש נאנט צום שוועל פון טויט און עס קומט דער טאג פון משפט. וואס זאל זיין דער קומענדיגער שריט? "איך האב ערשט פראבירט מיט חלומות," זאגט דער באשעפער,

"דערנאך מיט שוואכע קרענק און יעצט מיט ערנסטע מחלות און אלע סארט פראבלעמען און צרות; אבער ער האט זיך נאכנישט געטוישט. עס זעט אויס ווי ער הערט זיך צו גארנישט צו. וואס קען איך טון מיט דעם מענטש?"

## די גרויסע אסיפה

רופט דער באשעפער צוזאם א גרויסע פארזאמלונג פון מלאכים און אלע אינאיינעם, מיט דעם באשעפער בראש, גייען אים משפט'ן: וואס איז דער קומענדיגער שריט? עס זעט נישט אויס צו זיין עפעס א האפענונג פאר אים.

אצינד וועלן מיר עס אראפמאלן וואס עס פאסירט לויט ווי עס ווערט פארגעשטעלט אין איוב. עס זענען פארהאן דארט טויזנט מלאכים און זיי קוקן אלע פארכמורעט; קיינער באשטעטיגט נישט דעם מענטש און דער מצב זעט אויס הילפסלאז. אבער דאן, מיטאמאל, פון הינטן שפרינגט ארויס איינער פון די מלאכים. **אִם יֵשׁ עָלָיו מַלְאָךְ מֵלִיץ אֶחָד מִנִּי אָלֶף** - איין מלאך פון די טויזנט רופט זיך אן און זאגט, **לְהַגִּיד לְאָדָם יָשְׁרוֹ** - "איך קען דערציילן עפעס גלייכקייט פון דעם מענטש."

## די ישועה

ערגעץ פון אינצווישן די פארזאמלונג פון מלאכים, ווערט געהערט אן איינצלנע קול, "איך האב א גוט ווארט צו זאגן איבער אים."

אצינד ווערט א טאטאלע שטילקייט ביי דעם גרויסן בית דין און אלע מלאכים דרייען זיך אויס צום שופט. און דאס קול פון באשעפער דינערט אפ: "שטעלט זיך אפ! לאמיר צוהערן צו אים!" **וַיֹּאמֶר** - און דער באשעפער זאגט, **פְּדָעֵהוּ מֵרֶדֶת שָׁחַת** - "לייזט אים אויס פון אראפנידערן אין גרוב פון פארטיליגונג, **מָצָאתִי כֹפֶר** - איך האב געפונען אן אויסלייזונג." **וַיְחֻנֶּנּוּ** - און דער באשעפער טוט אים לייטזעליגן. ער שטופט אים נישט אריבער דעם שוועל צום גרוב.

וואס פאסירט יעצט? **רֻטֲפַשׁ בְּשָׂרוֹ מִנֹּעַר** - ער הייבט זיך אן צו ערהוילן. צוליב דעם איינעם מלאך וואס האט זיך אנגערופן און אים פארטיידיגט, ווערט דער שטארק קראנקער מענטשן'ס פלייש, וואס איז אפגעאנגען צוליב זיין קרענק, באנייט און אויפגעפרישט. **יָשׁוּב לִימֵי עֲלוּמָיו** - ער ווערט צוריק יונג און געזונט.

# חלק ב. מלאכים ביים משפט

## דיינע מלאכים

און מיט דעם הייבן מיר אן אונזער נושא פונעם היינטיגן שיעור. ווייל דאס איז וואס עס פאסירט אום ראש השנה. די גמרא (שבת לב.) זאגט, אז ווען דער טאג פון משפט קומט, יעדער מענטש באקומט זיין טאג אינעם געריכט, אין דעם יום הדין קומען זיך צוזאם אלע מלאכים אין דעם גרויסן בית דין צו עדות זאגן איבער'ן מענטש און זיי האבן אלע וואס צו זאגן.

אלזא, איידער מיר טוען פארזעצן דארפן מיר פרעגן א שאלה: ווער זענען די מלאכים וואס קענען זיצן ביי דעם משפט? אייגנטליך האט דער באשעפער אלע סארט מלאכים: **עֹשֶׂה מַלְאָכָיו רוּחוֹת** - ער מאכט די ווינטן פאר זיינע שליחים, **מְשָׁרְתָיו אֵשׁ לֹהֵט** - דאס ברענענדיגע פייער פון די זון קען זיין זיין באדינער (תהלים קד:ד). אבער אין דעם פאל, זענען די מלאכים די וועלכע דער מענטש אליין האט

באשאפן. **הָעוֹשֶׂה מִצְוָה אַחַת, קוֹנֶה לוֹ פְּרַקְלִיט אֶחָד** - ווען א מענטש טוט א מצוה קויפט ער זיך איין מלאך וואס וועט רעדן גוטס אויף אים; אויב טוט ער אן עבירה קויפט ער זיך איין קטיגור, א באשולדיגונגס מלאך (פרקי אבות ד:יא).

און דערפאר, ווען מיר באטראכטן ווער עס זענען די מלאכים וועלכע רופן זיך אן ביים בית דין של מעלה פארשטייען מיר אז דאס זענען די ווערק וואס מיר האבן באשאפן דורך די אלע זאכן וואס מיר האבן געטון.

## באשאפן מלאכים

צום ביישפיל, עס האט אמאל פאסירט אז א מענטש איז געקומען מיט א שווערע לאסט לאמיר זאגן פון ליבערס טשאקאלאדע אדער פון פאשקעס קענדיס ער האט עס געפירט צו א געשעפט. אבער ער האט נישט געקענט עפענען די טיר. ביסטו צוגעגאנגען און אפן געהאלטן די טיר פאר אים פאר א רגע. **עָזֹב תַּעֲזֹב עִמּוֹ** (שמות כג:כה) - דו האסט געהאלפן א צווייטן איד. א מלאך!

אדער, א מענטש איז געגאנגען אין גאס פארנט פון דיר און ער האט אראפגעלאזט א דאלער. זאגסטו, "מיסטער, שטעלט זיך אפ!" ס'איז א מצוה, אויב איז עס א פרומער איד. "שטעלט זיך אפ! איר האט אראפגעלאזט א דאלער." אויפ'ן ארט, א מצוה דאורייתא פון **השבת אבידה**. נאך א מלאך!

אפשר האט דיין חבר אין ישיבה דיר געזאגט עפעס שארף און דו האסט געהאט וואס צוריקצוענטפערן אבער דו האסט געדענקט פון באשעפער און דו האסט זיך אוועקגעדרייט. "אה," זאגט דער באשעפער, "דאס איז א מלאך." **וְנַפְשִׁי כֶּעָפָר לַכֹּל תִּהְיֶה** - "נישט קיין חילוק וואס זיי זאגן צו מיר, וועל איך פשוט זיין עפר, איך וועל זיי לאזן טרעטן אויף מיר." לאז מענטשן טרעטן אויף דיר, דאס איז נאך א מלאך.

אלזא, די דאזיגע מלאכים געפינען זיך אלע ביים יום הדין; זיי זאמלען זיך אלע איין דיר צו משפט'ן. עס געפינען זיך דארט אויך אנדערע מלאכים וואס זאגן דאס פארקערטע, אנדערע מלאכים וואס זענען באשאפן געווארן דורך נישט אזעלכע גוטע מעשים. און יעדער איינער האט עפעס צו זאגן.

## אראפוועגן דעם וואגשאל

און דאס איז וואס דער פסוק זאגט אין איוב: **אִם יֵשׁ עָלָיו מַלְאָךְ מֵלִיץ** - "אויב איז דא א מלאך וואס רופט זיך אן פאר דיינעטוועגן." דאס איז זייער וויכטיג! דו דארפסט האבן אדוואקאטן! דו דארפסט האבן מלאכים וואס זאלן דיר פארטיידיגן! אפילו איין מלאך קען איבערוועגן דעם וואגשאל פאר דיינעטוועגן. א מענטש איז **נִדּוֹן אַחַר רֻבּוֹ** - ער ווערט גע'משפט לויט דעם רוב פון זיינע מעשים, און מיר קענען קיינמאל נישט וויסן.

דרך אגב, דערפאר איז אזוי וויכטיג פאר ראש השנה און דורכאויס די גאנצע עשרת ימי תשובה, אויב קענסטו אריינכאפן אביסל מער גוטע מעשים, כאפ די געלעגנהייט! דו קענסט קיינמאל נישט וויסן; ס'קען זיין אז דיין וואגשאל איז **שָׁוֶה בְּשָׁוֶה** - די זכויות און נישט זכויות זענען פונקט באלאנסירט - און דאס איז געפארפול.

דערפאר לוינט זיך אויפמארגן, אדער אפילו נאך היינט, צו ווערן פארנומען אויסשרייבן טשעקס פאר צדקה. דו ווילסט אריינכאפן וואס מער זכותים וואס דו קענסט פארדינען פאר דעם טאג פון משפט. סיי וואס דו קענסט טון אין דעם לעצטן טאג פון יאר, טו עס. שרייב טשעקס פאר גוטע

צוועקן ווייל יעדער טשעק וועט האבן פליגלען און עס וועט פליען. אדער, אויב זעצסטו זיך אראפ לערנען פאר פינף מינוט, דאס איז א מלאך. ס'איז א מלאך און עס וועט רעדן מיט א גרויסע מויל פאר דיינעטוועגן. און אזוי, פארפאטשקע נישט קיין צייט - ווער פארנומען צו טון וואס דו קענסט אין אט די לעצטע טעג צו טון זאכן וואס זאלן מכריע זיין לכף זכות - צו צולייגן מלאכים צום וואגשאל כדי דיר צו ראטעווען.

## דער מיליאנסטל מלאך

אבער אצינד וועלן מיר זען אז דאס איז נישט נאר איין מלאך; אפילו איין טייל פון א מלאך קען דיר ראטעווען! איך וועל דאס ערקלערן. **רבי אליעזר בנו של רבי יוסי הגלילי אומר** - רבי אליעזר זאגט, **אֲפִלּוּ תְּשַׁע מֵאוֹת וְתִשְׁעִים וְתִשְׁעָה בְּאוֹתוֹ מַלְאָךְ לְחוֹבָה וְאֶחָד לִזְכוּת נִצּוֹל** - אפילו עס איז בלויז איין טויזנטסטל פון א מלאך וואס רעדט פאר דיינעטוועגן, קען דאס דיר ראטעווען פון א חורבן (שבת לב.).

אט איז א פאל וואו אפילו די מלאכים וואס האבן געזען די גוטע מעשים האבן עס נישט באשטעטיגט. אזוי איז עס אויבן אין הימל - אלעס איז אויסגע'חשבונ'ט; יעדער פרט פון יעדע מעשה וואס דו טוסט, אפילו דיין יעדע קליינע מחשבה, ווערט געוואויגן מיט די גרעסטע פונקטליכקייט. און אזוי, מארגן, בשעת דו וועסט שטיין אין שול דאווענען מוסף, קען זיין אז בשעת דו שאקלסט זיך, אין די זעלבע צייט קען זיין אז ס'איז דא א מלאך וואס רעדט קעגן דיר.

"ס'איז ריכטיג אז ער איז אין בית הכנסת אבער ער שאקלט זיך בלויז; ער טראכט נישט באמת צופיל פון וואס ער זאגט." אן אנדער מלאך רעדט אויף אלע באקן קעגן דיר. ער זאגט, "יא, ער האט נעכטן געגעבן צדקה אבער ער האט אויסגערופן זיין נדבה כדי מענטשן זאלן טראכטן גוט אויף אים" אדער, "ער איז געווען ארנטליך מיט זיין שותף אבער דאס איז געווען ווייל ער האט נישט געוואלט אז זיין שותף זאל אים אויסנארן אדער ער האט נישט געוואלט אריינגיין אין פראבלעמען מיט די רעגירונג." און די אלע מלאכים, אפילו די וועלכע דערציילן פון דיינע גוטע מעשים, קריטיקירן דיר.

מאכט נישט אויס! דער באשעפער הערט זיך צו צו דאס קליין ביסל גוטס וואס דער מלאך האט געזאגט און ער ראטעוועט דיר! דאס איז וואס די גמרא זאגט: אפילו אויב דו האסט נישט קיין מלאך וואס זאל רעדן פאר דיינעטוועגן אינגאנצן, אבער **אֶחָד מִנִּי אֶלֶף** - איין טויזנטסטל פון א מלאך וועט רעדן; דער איינער מלאך טוט דיר אפשר נישט אינגאנצן באשטעטיגן צום גוטן אבער ער איז גרייט דיר צו פארטיידיגן: "דער מענטש האט עפעס אין זיך - ס'איז דא עפעס, א קליינער עפעס וואס ער איז ארויס פון זיין וועג צו טון.

"פאריגע וואך האט ער גערעדט איידל צו זיין ווייב ווען זי האט עפעס געזאגט צו אים" - ער האט עפעס געקויפט אויפ'ן גאס און ער האט געטראכט אז ער האט אריינגעכאפט א גרויסע מציאה און זי האט אים אוועקגעמאכט אז זי קען עס באקומען פאר ביליגער ערגעץ אנדערש. און ער האט גארנישט רעאגירט. ער האט נאר געזאגט, 'אפשר ביסטו גערעכט.' טויזנט אנדערע מאל האט ער געעפנט זיין גרויסע מויל און אריינגעשטעלט זיין פוס דערין. "אבער דאס מאל," זאגט דער מלאך, "האט ער געהאלטן זיין מויל פארמאכט. ער האט עס באוויזן! ער האט געהאלטן זיין מויל פארמאכט!"

"אה," זאגט דער באשעפער, "דאס איז וואס איך האב געוואלט הערן. איר זאגט אז ס'איז דא עפעס אין אים, איך וויל דאס הערן." איז איין טויזנטסטל פון דער מלאך צווישן טויזנט מלאכים, אויב

ער רופט זיך אן, באציט זיך דער באשעפער דערצו און ער זאגט, "אויב דאס איז דער פאל וועל איך אים ראטעווען פון פאלן אין אפגרונה."

דער באשעפער ווארט געדולדיג אויסהערנדיג די אלע באשולדיגונגען, און ענדליך ווען ער הערט די איין זאך, איז דאס גענוג פאר אים און ער זאגט, "**פְּדָעֵהוּ מֵרֶדֶת שָׁחַת** - גיב אים נאך א געלעגנהייט, נאך א יאר. אפשר אין קומענדיגן יאר וועט ער זיין בעסער. **מָצָאתִי כֹפֶר** - איך האב געפונען אן אויסלייזונג פאר אים. זאל ער לעבן."

## איז דאס גערעכטיגקייט?

וועט איר מיר פרעגן א קשיא. אויב א מענטש איז **נִדּוֹן אַחַר רֻבּוֹ**, ער ווערט גע'משפט לויט די מערהייט פון זיינע מעשים איז ווי אזוי קען זיין דער פאקט אז פאר איין קליינער פרט ווערט ער פארטיידיגט דורך דעם מלאך, אז דאס זאל איבערוועגן אלע אנדערע זאכן וואס ער האט געטון נישט גוט?

די וואגשאלן זענען אנגעפילט מיט הונדערטער טויזנטער פרטים פון מצוות און מעשים טובים און חס ושלום אויך דאס פארקערטע - ס'איז א גאנצע יאר! וויפיל מאל האסטו געזאגט א גוט ווארט פאר דיין ווייב? וויפיל מאל איז געווען דאס פארקערטע, חס ושלום? וויפיל מאל האסטו אויסגעשריבן א טשעק פאר צדקה? וויפיל מאל האסטו עס אפגעשטופט און נישט אנגעקומען דערצו? וויפיל מאל האסטו געמאכט ברכות מיט כוונה? וויפיל מאל נישט?

אלזא, ווערן די וואגשאלן אנגעפילט מיט הונדערטער טויזנטער, מיליאנען מעשים. איז וואס מיינט אט די טויזנטסטל פון איין מלאך?! דאס איז בלויז א מקצת מן המקצת! ווי אזוי קען זיין דער פאקט אז איין פרט מיט וואס ער ווערט פארטיידיגט דורך דעם מלאך זאל איבערוועגן אלע אנדערע זאכן וואס ער האט געטון שלעכטס?

## א צייטווייליגע באגנאדיגונג

און דער ענטפער איז, אין איוב (לג: כט-ל) שטייט ווי פאלגנד: נאך וואס ער ענדיגט די גאנצע מעשה לייגט ער צו א הוספה: **הֶן כָּל אֵלֶּה יִפְעַל קֵל** - די אלע זאכן טוט דער באשעפער, **פַּעֲמַיִם** - צוויי מאל, **שָׁלוֹשׁ** - און דריי מאל, **עִם גָּבֶר** - מיט א מענטש, **לְהָשִׁיב נַפְשׁוֹ מִנִּי שָׁחַת** - אים צו ראטעווען פון גרוב, **לֵאוֹר בְּאוֹר הַחַיִּים** - צו באלייכטן זיין לעבן אויף די וועלט און אויף יענע וועלט.

דאס מיינט אזוי. קיינער ווערט נישט גענצליך געראטעוועט צוליב איין טויזנטסטל פון א מלאך. אבער ער באקומט א צייטווייליגע באגנאדיגונג, דער באשעפער האלט אויף דעם גזר דין צוליב דעם **אֶחָד מִנִּי אָלֶף**. ער ווארט פאר דעם מענטש זיך צוריקצוקערן צו אים און דערפאר וועט ער אויסהערן דעם מלאך. דאס איז נישט אויף שטענדיג - דאס איז בלויז א צייטווייליגער מיטל, אבער ס'איז א לעבנסרעטונג.

איז אצינד לערנען מיר אז עס קען זיין אז ביים יום הדין איז דער מענטש רבו חייב, אבער אזוי ווי עס איז געווען עפעס גוטס אין אים, א לויטערער זכות וואס ער האט, אפילו ס'איז א קליינע זאך, א טויזנטסטל פון א מעשה, זאגט דער באשעפער, "צוליב די איינע זאך וועל איך אים געבן נאך א געלעגנהייט. כ'וועל אים געבן געזונט און פרנסה און אויך געשמאקע צייטן, און אפשר אין דאס קומענדיגע יאר וועט ער זיך פארבעסערן."

ס'איז ריכטיג, דער ענין פון **אָדָם נִדּוֹן אַחַר רֻבּוֹ** איז אין אלגעמיין דער פרינציפ און פאר דעם

מענטש'ס גאנצע לעבן וועט עס זיין אזוי. אבער אויב א מענטש האט א קליינער לויטערער אמת'ער זכות אין זיך, קען דאס אים העלפן צייטווייליג אים צו געבן נאך א געלעגנהייט.

## די גליקליכע ישועה

אלזא, ווען מיר קוקן אין די פסוקים פון איוב (לג:כו), זעען מיר ווי דער מענטש - דאס איז אונז - דארף מאכן נוצן פון די באגנאדיגונג. יֶעְתַּר אֶל אֱלוֹקַ - ער דאווונט צום באשעפער; אמת ער האט זיך טאקע ערהוילט אבער יעצט דאווונט ער צום באשעפער, "באשעפער פארגעב מיר אויף וואס איך האב געטון. איך האב דיר ליב באשעפער. איך בין דיר דאנקבאר. ביטע העלף מיר ווייטער צו פארדינען דיין רחמנות." וַיִּרְצֵהוּ - און דער באשעפער וועט אים באוויליגן. דאס אז ער ווייסט אז ער גייט אויסניצן זיין געזונט זיך צו צוריקקערן צום באשעפער אינגאנצן, אויף דעם זאגט דער באשעפער, "איך האב דיר באוויליגט. איך וועל דיר באגנאדיגן פון יעצט אן."

וַיַּרְא פָּנָיו בִּתְרוּעָה - און ער זעט דאס פנים פון באשעפער מיט געשרייען פון שמחה, מיט קולות פונעם שופר. ער אנערקענט יעצט דעם קעניג - דאס איז וואס דער תרועה באדייט, ס'איז בלאזן מיט'ן שופר צו קרוינען דעם קעניג. וּתְרוּעַת מֶלֶךְ בּוֹ (במדבר כג:כא) - ס'איז א טאג ווען די טרומפייטער שרייען פאר'ן קעניג. נאך זיין טאג פון משפט, קומט ער ארויס לעבעדיג, ער האט עס דורכגעמאכט, און דאן פארדאפלט ער זיינע אנשטרענגונגען צו אנערקענען דעם קעניג.

דאס מאל וועט ער נישט ווארטן ביז די לעצטע מינוט. ראש השנה גייט שוין באלד פארביי. יום כיפור וועט קומען און דאן סוכות און דאן איז ווינטער, און ער ווייסט אז ער לעבט אויף געבארגטע צייט. און דערפאר וועט ער אויסניצן די באגנאדיגונג וואס איז אים געגעבן געווארן כדי צו ווערן פארנומען מיט'ן זיך אוועקשטעלן אזוי אז ער זאל פארדינען א פולע באגנאדיגונג פון באשעפער.

און דאס אלעס האט זיך אנגעהויבן מיט דעם איינעם מלאך וואס האט באריכטעט צום באשעפער, דער איינער מלאך וואס האט געהאט איין קליינע זאך צו זאגן אויף דעם מענטש.

# חלק ג. לעבעדיגע מלאכים

## דער באשעפער אליין ווייסט!

דא פרעגט זיך די שאלה, פארוואס דארף דער באשעפער האבן די מלאכים וואס זאלן אים באריכטן; זיך צו אנרופן און מלמד זכות זיין, צו זאגן עפעס גוטס אויף א מענטש און אים ראטעווען פון אונטערגאנג? די גאנצע זאך זעט אויס אזוי ווי מענטשנגלייך; מ'שטעלט פּאָר דעם באשעפער ווי א קעניג וואס דארף האבן ראטגעבער, מענטשן וואס זאלן רעדן פאר אים. דער באשעפער ווייסט! ה' יֹדֵעַ מַחְשְׁבוֹת אָדָם (תהלים צד:יא) - דער באשעפער ווייסט מענטשן'ס געדאנקען. איז וואס קענען אים מלאכים דערציילן מער ווי ער אליין ווייסט?

עס זענען דא צוויי ענטפערס צו די שאלה און ביידע זענען ריכטיג. ס'קען זיין אז עס זענען דא מער, אבער כאטש פון די צוויי פארשטענדליכע ענטפערס וועלן מיר יעצט רעדן.

איין ענטפער איז אז די גאנצע זאך דינט ווי א פארשטעלונג. כאטש דער באשעפער רופט צוזאמען מלאכים איז עס נישט ווייל ער דארף זיי האבן; ס'איז נישט ווייל זיי האבן עפעס א דעה אינעם משפט. דער באשעפער משפט גענצליך אליין פון זיין אייגענער ריזיגער פארשטאנד, פון זיינע אייגענע מחשבות. איז צו וואס דינען די מלאכים?

## די סודות פון מלאכים

איינמאל האט א ראש ישיבה געפרעגט פון איינער פון זיינע תלמידים, "וואס טוען די מלאכים א גאנצע צייט?" דער תלמיד האט נישט געוואוסט וואס צו ענטפערן; פון וואו זאל ער וויסן?

האט דער ראש ישיבה געזאגט, "דו זאגסט עס יעדן טאג. **תָּמִיד מְסַפְּרִים כְּבוֹד קֵל** - זיי רעדן שטענדיג פון דעם כבוד פון באשעפער. דאס איז וואס די מלאכים טוען."

"גוט," האט דער בחור געזאגט, "איז דאס איז וואס זיי טוען. אבער וואס האט עס מיט מיר? וואס איז מיר א חילוק וואס די מלאכים טוען אויבן אין הימל?"

און דער ענטפער איז, אז די בריאה פון די מלאכים איז באשאפן געווארן בלויז פאר אונז - די מלאכים געפינען זיך אין עקזיסטענץ בלויז צוליב דאס אידישע פאלק. דאס איז דער סוד וואס פיל מענטשן - אפילו פיינע מענטשן - האבן קיינמאל נישט געלערנט. די מלאכים טוען גארנישט אויף אליין; זיי האבן נישט קיין בחירה, נישט קיין שכר, נישט קיין שטראף. סיי וואס זיי טוען, וואס דאס ווערט אונז דערציילט דורך די נביאים און די חכמים, איז בלויז פאר אונז.

## אן אויפרייסערישע לערע

און דאס מיינט, אז דאס צוזאמרופן די טויזנט מלאכים איז מיט די כוונה צו דינען אלס א מוסר השכל פאר אונז, אז מיר זאלן לערנען וואס דאס איז א מצוה. א מצוה איז נישט ווי מיר טראכטן, בלויז עפעס וואס מיר האבן איין מאל געטון אדער געטראכט אדער געזאגט. ניין; יעדע מצוה איז א ספעציעלע סארט באשאפונג. דאס איז וואס דער כוזרי זאגט. ער ערקלערט אז א מצוה וואס ווערט אויסגעפירט איז א לעבעדיגער מציאות, א פאקטישער באשעפעניש. דער כוזרי, דארפט איר וויסן, איז געווען א ראשון; יעדע ווארט זיינע וואס ער זאגט איז אמת און מיר דארפן עס אויסהערן - אז אפילו די קלענסטע מצוה איז א לעבעדיגער מציאות וואס וועט שטיין ביים בית דין של מעלה און דיר פארטיידיגן.

עס מוז נישט זיין עפעס מיט פליגלען - די פליגלען זענען בלויז א פארעם פון א פארשטעלונג וואס ווערט געמאכט פאר אונז, אזוי אז מיר זאלן עס זען און ווערן באאיינדרוקט דערפון. א לעבעדיגע מצוה איז העכער ווי פליגלען; ס'איז עפעס פון רוחניות וואס פארמאגט א געוואלדיגער כח - עס דארף נישט האבן קיין פליגלען עס צו דערהייבן.

אלזא, דאס איז אן אויפרייסערישע לערע! א מצוה איז א לעבעדיגער מציאות! ס'איז וואונדערליך! א קליינע איידעלע ווארט וואס דו האסט געזאגט צו דיין ווייב, א 'ניקל' וואס דו לייגסט אריין אין פושקע, איז א בריאה.

## קליינע זאכן רעכענען זיך

און דאס איז פארוואס די מלאכים קומען פאר'ן באשעפער ביים בית דין של מעלה; ס'איז אונז צו לאזן וויסן ווי וויכטיג עס איז צו באשאפן אזעלכע מלאכים וואס וועלן אונז פארטיידיגן. מיר דארפן אריינקוקן אין איוב און דורכטון די פארשטעלונג פון דער בית דין של מעלה און לערנען ווי וויכטיג עס איז צו פראבירן צו אויסניצן אפילו די קלענסטע און אומבאדייטנד אויסזעענדע געלעגנהייטן צו זיין גוט; דאס איז וואס די מלאכים לערנען אונז - אז גארנישט איז אומבאדייטנד. נישטא קיין ספק אז אט די באוואוסטזיניגקייט איז דער שליסל צו גרויסקייט.

איך וועל געבן א ביישפּיל. לאמיר זאגן, דו ווילסט זיין א גוטער מענטש אבער דו ווייסט אז דו ביסט נישט. ביסט הארט. ביסט עגאאיסטיש. ביסט א בעל גאוה. טראכסט פון זיך א גאנצע צייט. דאס איז דער מציאות, אבער דו ווילסט נישט אזוי אריינגיין אין ראש השנה. דו ווילסט נישט ס'זאל קומען ערב יום כיפור און די ביסט די זעלבע אלטע דיך.

דערמאנסטו זיך אינעם פארשטעלונג פון די מלאכיםביים משפט און דו טראכסט, "אלעס איז פארלוירן. איך דארף ערגעץ מאכן אן אנהייב - אפילו די קלענסטע זאך." ווילסט ברעכן דיין עגאאיסטישקייט, טוסטו א קליינע טובה פאר אן אנדערן איד. "אה," זאגט דער באשעפער, "איך זע יעצט, דו טוסט עפּעס פאר אן אנדערן איד; דאס איז א גוטער אנהייב." דאס איז א געוואלדיגער אנהייב! קענסט נישט וויסן וואס גייט דערפון פאסירן. דער איינער איד, דער איין קליינער טויזנטסטל פון א מלאך, קען זיך באווייזן ביים יום הדין און זיין דער מלאך וואס וויל דיר ראטעווען.

## הייב אן בלאפן

און אזוי, אויב א מענטש נעמט זיך דערצו צו אפּשלאגן דאס וואס ער איז באמת; אין זיין הארץ ווייסט ער אז ער איז באמת נידריג אבער ער זאגט, "איך גיי מאכן א בלאף פון צייט צו צייט. איך וועל היינט אהיימקומען און זיך פירן שיין צו מיין פאמיליע."

זיי וועלן דיר דורכזען? זיי ווייסן אז ס'איז נישט אזוי? ווען גייט עס אן?! די גמרא זאגט, אויב איין מלאך רעדט פאר דיינעטוועגן - און נישט נאר אויב איין מלאך רעדט און 999 רעדן קעגן דיר, אבער אפילו אויב אין דעם זעלבן מלאך; 999 טיילן פון אים רעדן קעגן דיר, נאר איין טויזנטסטל פון אים רעדט פאר דיינעטוועגן - דאס איז אויך א דערגרייכונג. איז 999 טיילן וועלן זאגן, "אה, ער טוט עס בלויז זיך צו באווייזן. ער איז געוועזן ביי הרב מיללער'ס שיעור און ער האט עפּעס געהערט, פּראבירט ער עס אויס." נישט קיין חילוק! ווייל יענער אנדערער איין טויזנטסטל וועט רעדן פאר דיינעטוועגן. און דאס וועט זיין דיין ישועה.

איז אויב דיין פאמיליע וועט זאגן, "היינט איז ער א פיינער מענטש," דאס איז א דערגרייכונג. אויב קענסטו קומען אין שול און אויסנארן דעם רב און אים מאכן טראכטן אז דו ביסט א פיינער מענטש, זייער גוט. דו גייסט אריין אין א גראסערי? נאר אויס דעם גראסערי מאן. אויב דו האנדלסט מיט מענטשן און דו שטעלסט אן א פנים און אזוי זענען דא מענטשן וואס רעדן גוטס אויף דיר, מוזטו וויסן אז דו האסט עפּעס אויפגעטון; דו האסט איינגעקויפט אדוואקאטן וואס וועלן רעדן פאר דיינעטוועגן. אודאי, ווי מער עס וועלן רעדן פאר דיר אלץ בעסער שטייסטו, אבער יעדעס ביסל איז וויכטיג.

## מאך א גוטן איינדרוק

**אַל תְּהִי בָז לְכָל אָדָם** - זאלסט נישט דערנידערן קיין שום מענטש (אבות ד:ג). קיינער איז נישט אומוויכטיג! צומאל גייסטו איינעם פארביי אויפ'ן גאס און דו קלאפּסט זיך בטעות אריין אין אים. דו גייסט ווייטער, אפשר מורמלסטו עפּעס. ניין, שטעל זיך אפּ און זאג, "אנטשולדיג מיר ביטע." קיין שום מענטש זאל קיינמאל נישט אוועקגעמאכט ווערן דורך דיר. צומאל איז א מענטש זיך מתחצף און דו פארלירסט דאס געדולד מיט אים און דו טראכסט, 'איך וועל אים אריינפּארן.' אה, טו דאס נישט; דו קענסט נישט וויסן אויב דער איינער מענטש וועט זיין דער וואס וועט רעדן קעגן דיר ביים יום הדין. אדער, אויב איין מענטש האט באקומען א גוטן איינדרוק איבער דיר, דער אדוואקאט וועט

רעדן פאר דיינעטוועגן צום באשעפער. און ער וועט אויסהערן. געב אכטונג פון מענטשן!ביים יום הדין קען ער זיין דער איינער!

## זיי מחזק מענטשן

אדער האט דיר איינער דערציילט זיינע פראבלעמען, לאמיר זאגן. דו ווייסט נישט וואס צו טון? זאג בלויז אפאר ווערטער פון טרייסט; זאג אים, "דו וועסט עס דורכמאכן. ס'וועט פארביי גיין; זארג נישט דערוועגן." טרייסט אים; ס'קאסט נישט קיין געלט צו זאגן. מ'קען קיינמאל נישט וויסן. ווערטער פון חיזוק און א שמייכל זענען באלזאם פאר א פארפלאגטע זעל. **מְעוֹדֵד עֲנָוִים ה'** - טראכט, 'דער באשעפער שטארקט מענטשן, וועל איך אויך מחזק זיין מענטשן.'

צומאל ווען א מענטש זעט אויס נידערגעשלאגן, קענסטו אים שרייבן אן אנאנימער בריוו. דו דארפסט נישט אונטערשרייבן דיין נאמען. און זאג אים, "דו האסט זייער א גוטער נאמען דא אין די סביבה; מענטשן טראכטן גוט אויף דיר." עס וועט דערהייבן זיין גייסט. איך האב דאס אמאל געטון. ס'איז געווען א מענטש וואס האט אנגענומען א רבנות אין א שול אינדרויסן פון שטאט; ער האט דארט געהאט אסאך פראבלעמען מיט די קהילה - זיי האבן זיך געקריגט קעגן אים איבער די מחיצה און עס האט אים צעקלאפט. האב איך אים געשריבן א בריוו - כ'האב עס נישט אונטערגעשריבן; כ'האב געוואלט ער זאל טראכטן אז ס'איז פון עפעס א חשוב'ער מענטש - און איך האב אים געשריבן אז ער טוט א גוטע ארבעט, אז ער וועט בקרוב זען פירות פון זיין הארעוואניע.

איר האט אמאל געטראכט פון דעם? מיט 32 סענט, קען מען אמאל טון זייער א גרויסע מצוה פון מחזק זיין מענטשן. פראבירט עס אמאל; שרייבט א בריוו צו איינעם, אפילו צו אייער רבי. ער האט שונאים, נישטא קיין ספק אין דעם. יעדער רבי האט שונאים, דאס דארפט איר וויסן. איז שרייבט אים א בריוו, זייט מחזק אייער רבי. זאגט, "מיר זענען אלע דא פאר אייך. מיר זענען אייך אלע געטריי." עס וועט אים מאכן שפירן גוט. מיינט נישט אז עס איז א קלייניקייט.

זייט מחזק אייער רבי אין די מתיבתא. ער ארבעט שווער און ער דארף אויך ברענגען פרנסה, איז מאכט זיכער אים נישט צו צעקלאפן. זייט אים מכבד און מאכט אים שפירן גוט. נאך א שיעור גייט אריבער צו אים און זאגט, "רבי, איך האב הנאה געהאט פון אייער שיעור" - אפילו אויב איר האט נישט הנאה געהאט. ס'איז א מצוה צו זיין מעודד ענוים, איז מאכט זיכער אים צו מחזק זיין.

## פינף מינוט

נישט נאר מענטשן זאלסטו נישט אוועקמאכן. **וְאַל תְּהִי מַפְלִיג לְכָל דָּבָר** - זאלסט נישט אוועקמאכן אפילו די קלענסטע געלעגנהייט (שם). איר זאגט, "גוט, איך האב נאר פינף מינוט פארבליבן; ס'לוינט שוין נישט צו פראבירן צו לערנען." אה ניין! עפנט א ספר און כאפט אריין פינף מינוט לערנען. פינף מינוט לערנען איז א געוואלדיגע דערגרייכונג.

אין די קעלמער ישיבה, האבן זיי געהאט א ספעציעלן לערנונגס סדר. נאך וואס זיי האבן געענדיגט לערנען און דאוונען מעריב זענען אלע בחורים אהיימגעגאנגען פאר'ן טאג. דערנאך האבן זיי געדארפט צוריקקומען צום בית המדרש נאכאמאל און לערנען פינף מינוט. און דאן זענען זיי ווידעראמאל אהיימגעגאנגען. זיי האבן דאס געטון כדי זיך איינצוגעוואוינען צו וויסן אז פינף מינוט לערנען איז טייער; אז אפילו די קלענסטע זאכן זאלן נישט אוועקגעמאכט ווערן.

## ראטעווע עפעס!

לאמיר זאגן דו דאוונסט שמונה עשרה און דו וואנדערסט אוועק ערגעץ אין די וועלדער; דו רייזט ארום איבער די גאנצע וועלט בשעת דיין מויל מורמלט די ברכות. דערנאך קומסטו צוריק ביים סוף פון שמונה עשרה; דו האסט שוין כמעט געענדיגט די גאנצע שמונה עשרה און דו האסט גארנישט אויפגעטון. ממש ביים סוף, טו עפעס. ראטעווע עפעס! כאטש די לעצטע ברכה זאג מיט כוונה. ראטעווע עפעס פון דעם גאנצן חורבן! כאטש א קליינער עפעס - אפילו אויב ס'איז בלויז איין טויזנטסטל פון עפעס - זאל פארבלייבן פון וואס דו האסט חרוב געמאכט ביי די גאנצע שמונה עשרה.

צומאל גייט מען אדורך דעם גאנצן ברכת המזון און מ'האט נישט געטראכט. מאך נישט אוועק סיי וואס דו קענסט אפראטעווען. אפילו אויב דו האסט שוין געענדיגט, ניץ אויס די תפילות ביים סוף. **הָרַחֲמָן הוּא יְזַכֵּנוּ לִימוֹת הַמָּשִׁיחַ וּלְחַיֵּי הָעוֹלָם הַבָּא.** אאהא! דאס איז וויכטיג! זיי מכוון ביי די ווערטער. האסטו זיך אמאל אפגעשטעלט און געבעטן דעם באשעפער, "באשעפער ביטע געב מיר עולם הבא?" איז כאטש די ביסעלע קענסטו אפראטעווען פונעם ברכת המזון! "הרחמן! ביטע, געב מיר דעם זכות דיר צו זען אין עולם הבא!" דו האסט גערעטעוועט עפעס פונעם ברכת המזון. דו האסט געבעטן פון באשעפער אויף עולם הבא. דאס איז וואס דער תנא זאגט אונז, **וְאַל תְּהִי מַפְלִיג לְכָל דָּבָר** - זאלסט נישט באטראכטן קיין שום זאך אלס אומוויכטיג.

## פראקטיציר דיינע אויסוואלן

איז אלזא דער משל פון די מלאכים וואס ווערן איינגעזאמלט ביים משפט - איך וועל נישט זאגן אז עס איז בלויז א משל; מיר וועלן עס אנרופן א פארשטעלונג - דאס איז פאר'ן צוועק פון באטאנען יעדע קליינע זאך. דער באשעפער וויל מיר זאלן זען די וויכטיגקייט פון סיי וואספארא קלייניקייט מיר טוען. אויב גייסטו אין גאס, פארוואס זאלסטו פארפאטשקען די צייט? זאג, "פון דא ביז'ן סוף גאס וועל איך טראכטן פון יציאת מצרים."

איז דאס נישט א וואונדערליכע זאך? ס'איז נישט פסח; ס'איז מיטוואך אינמיטן די יאר. **לְמַעַן תִּזְכֹּר אֶת יוֹם צֵאתְךָ מֵאֶרֶץ מִצְרַיִם כֹּל יְמֵי חַיֶּיךָ** - דו זאלסט געדענקען דעם טאג וואס איך האב דיר ארויסגעצויגן פון מצרים אלע דיינע טעג פון דיין לעבן. אודאי מיינט עס אינדערפרי און ביינאכט אבער דורכ'ן טאג איז עס אויך א מצוה, א פרייוויליגע מצוה. **זִכְרוּ נִפְלְאֹתָיו אֲשֶׁר עָשָׂה** - געדענק זיינע וואונדער וואס ער האט געטון (דברי הימים א טז:יב).

בשעת דו פארסט מיט'ן באן זיך אנהאלטנדיג ביים שטאנג, טראכט נישט אז דיינע געלעגנהייטן זענען מינדערוויכטיג. איין מינוט פון טראכטן! 'איך גיי יעצט טראכטן פון די מן וואס איז געפאלן אין מדבר.' ריכטיג, מיט איין האנט האלטסטו זיך אן אינעם שטאנג און דיין אנדערע האנט האלט צו דיין טייסטער עס צו אכטונג געבן, אבער דו טראכסט פון דאס עסן וואס דער באשעפער האט ארונטערגעשיקט פון הימל. די דאזיגע מחשבות באשאפן א מלאך. און אזוי וועלן אלע מלאכים פון דיינע אלע פארפאטשקעטע מינוטן דורכ'ן טאג אפגעשטילט ווערן ווען דער איינער מלאך וועט אויפשפרינגען.

## ס'איז אלעס איבער דיר

ס'איז דא אזויפיל פון וואס צו טראכטן, אזויפיל געלעגנהייטן. וואס איז מיט טראכטן איבער די

וויכטיגסטע נושא פון אלעם? דער באשעפער! אויפ'ן וועג אהיים, אפילו אויב דו וועסט טראכטן פון באשעפער בלויז איין רגע, איז עס א מצוה. **הִשָּׁמֶר לְךָ פֶּן תִּשְׁכַּח אֶת ה' אֱלֹקֶיךָ** (דברים ח:יא) - פארגעס נישט פון באשעפער! און אפילו איין סעקונדע איז עפעס. **אֵלּוּ דְבָרִים שֶׁאֵין לָהֶם שִׁעוּר** - עס איז נישטא קיין גרעניץ וויפיל. ס'איז זייער א גרויסע מצוה צו טראכטן פון באשעפער פאר איין מינוט. ס'איז א קלייניקייט און גרינג צו טון.

למעשה זענען דא זייער פיל זאכן צו טון; עס זענען דא אומצאליגע טייערע שטיינער אין לעבן וואס א מענטש קען אנטרעפן אויב ער זאל זיך נאר אראפבייגן און עס אויפהייבן און זיי ניצן. אודאי, אויב האלטסטו דאס אין געדאנק א גאנצע צייט און מאכסט אלעס וויכטיג, מה טוב - זייער גוט! אבער דער משל פון די מלאכים וואס קומען פאר'ן באשעפער ביים בית דין של מעלה איז אונז צו לאזן וויסן ווי חשוב אפילו איין איינצלנע זאך קען זיין.

דאס איז די סיבה פארוואס עס ווערט פאר אונז פארגעשטעלט אויף דעם וועג; ס'איז דא א גרויסע סנהדרין, מיט'ן באשעפער יושב בראש און יעדער מלאך רופט זיך אן צו רעדן איבער דיר. איבער דיר, חיים יענקל. איבער דיר, חנה. און אפילו אויב דו האסט נישט רוב זכיות, אבער דו האסט עפעס געוויזן אין דיר, עפעס אנשטענדיגקייט, אביסעלע ערליכקייט, אביסל רעכטפארכטיגקייט; אז עס איז דא א מעגליכקייט פאר דיר צו טון עפעס פאר די נייע יאר וואס וועט זיין אנדערש ווי דאס אלטע יאר.

און אזוי, ווען דער מלאך עפנט זיין מויל זאגט דער באשעפער, **פְּדָעֵהוּ מֵרֶדֶת שָׁחַת** - לייז אים אויס פון גיין אין אפגרונט, **מָצָאתִי כֹפֶר** - כאטש וואס עס איז בלויז א קלייניקייט, האב איך געפונען אן אויסלייזונג. איך זע אז אין דיין מח קאכט זיך א הוה אמינא; איך זע עס איז דא א מעגליכקייט אז דו וועסט טון די זאכן אינעם קומענדיגן יאר, און אויב דאס איז דער פאל, וועל איך דיר געבן נאך א געלעגנהייט."

# חלק ד. לערעס פון די מלאכים

## נאכמאכן די מאדעלן

און אצינד קומען מיר צו א צווייטע, מער כלליות'דיגער ענטפער צו די שאלה וואס מיר האבן געפרעגט, וואס איז דער צוועק פון די מלאכים וואס רעדן פאר אונזערט וועגן אויב דער באשעפער ווייסט עס סייווי?

מיר ווייסן פארוואס עס זענען דא מלאכים; זיי זענען באשאפן געווארן פאר אונז צו לערנען פון זיי. דאס איז וואס יענער ראש ישיבה האט געזאגט פאר דעם בחור - סיי וואס די מלאכים טוען, ווערט עס געטון פאר אונז צו זען. אויב די מלאכים זענען **תָּמִיד מְסַפְּרִים כְּבוֹד קֵל**, אויב זיי זענען פארנומען מיט זאגן אלע סארטן תשבחות פאר'ן באשעפער, דארפן מיר דורכלערנען זייער שירה און זיי נאכטון. און אויב זיי טוען עס **בְּקוֹל רַעַשׁ גָּדוֹל**, אויב זיי זענען פול מיט התלהבות דערמיט, דארפן מיר טון דאס זעלבע. **נְקַדֵּשׁ אֶת שִׁמְךָ בָּעוֹלָם, כְּשֵׁם שֶׁמַּקְדִּישִׁים אוֹתוֹ בִּשְׁמֵי, מָרוֹם** - מיר וועלן זאגן קדושה צום באשעפער פונקט ווי די מלאכים טוען. אויב אונזערע מאדעלן אין הימל טוען עס, דאן איז דאס וואס מיר דארפן אויך טון.

און אזוי דארפן מיר אפלערנען די מלאכים ווי ווייט מעגליך; ווי מיר לערנען פון די נביאים און

כתובים און דברי חז"ל, סיי וואס מיר זעען איבער די מלאכים דארפן מיר פראבירן נאכצומאכן זייערע וועגן.

## רעד ארויס!

אצינד קומען מיר צום וויכטיגסטן יסוד אין די גאנצע נושא פון ראש השנה, א יסוד וואס וועט האבן א שטארקע דעקונג ביים יום הדין.

די מעשה פון דער מלאך וואס רופט זיך אן - נישט קיין חילוק וואס אנדערע זאגן; אפילו אויב 999 אנדער מלאכים רעדן נישט גוטס; און אפילו אויב דער מלאך אליין, איז בלויז איין טייל פון 999, דאך רופט ער זיך אן פאר דיינעטוועגן - דאס דינט אלס א ביישפיל פאר דיר נאכצומאכן. נישט קיין חילוק וואס, גייסטו ווערן פארנומען מיט רעדן גוטס אויף דאס אידישע פאלק. און פונקט ווי ווען דער מלאך רעדט פאר דיינעטוועגן, הערט דער באשעפער אויס, אזוי וועט דער באשעפער דיר אויך צוהערן! דער אוהב עמו ישראל הערט גוט צו, צו די וועלכע רעדן לטובת דאס אידישע פאלק!

און דאס איז איינע פון די וויכטיגסטע סיבות פון די גרויסע געשעעניש וואס קומט יעצט פאר אין הימל, אינעם בית דין של מעלה. די מלאכים וואס רעדן גוטס אויף דאס אידישע פאלק לערנען דיר ווי אזוי דו זאלסט זיך באציען צום יום הדין. רעד פאר כלל ישראל!

## זארג אויף יענעם

איר ווייסט, ראש השנה איז יעדער פארנומען; יעדער זארגט איבער'ן צוקומפט. און דאס איז זייער גוט! דאס איז ווי אזוי עס דארף צו זיין! **כַּמָּה דְּכַיֵּיף אִינִישׁ דַּעְתֵּהּ טְפֵי מְעַלֵּי** - ווי מער דו וועסט זיך זארגן איבער דעם יום הדין, אלץ בעסער וועט דיר זיין (ראש השנה כו:). דאס איז א טייל פון די עבודה פון ראש השנה. נאר וואס פאסירט? יעדער טראכט נאר פון זיך. איך רעד פון די גוטע אידן; מען טראכט פון 'מיך, מיך, מיך'.

אבער דער באשעפער וויל מיר זאלן לערנען ווי וויכטיג עס איז פאר אונז צו רעדן אויך אויף אנדערע מענטשן און מלמד זכות זיין אז אנדערע זאלן זוכה זיין בדין. מיר זאלן זיך אויך זארגן אויף יעדן איינעם. מיר ווילן אז אלע פרומע אידן זאלן געבענטשט ווערן; מיר ווילן אז אלע פרומע אידן זאלן האבן א גוטע יאר. איר ווילט אז אייערע שכנים זאלן האבן א גוטע יאר. אייער שוויגער זאל געבענטשט ווערן. אויך אייער שנור. איר ווילט זיי זאלן אלע האבן א גוטע יאר.

אייערע קאנקורענטן אין ביזנעס. אייערע קאנקורענטן אין חסידות. אפילו אויב זיי זענען חסידים פון אן אנדערן רבי, זיי זענען אלע פרומע אידן און עס קומט זיך זיי א גוטע יאר. איר ווילט אז יעדער אין לעיקוואוד זאל מצליח זיין. אויך סאטמאר. און אלע חיים בערלינערס און די מירערס און תורה ודעת. יעדער אין מאנסי, אין פעסעיק, אין בני ברק, אין ירושלים. איר טראכט פון זיי; איר ווילט זיי זאלן אלע האבן א גוטע יאר.

## אן אייגנארטיגע פאלק

אה, איר ווילט דאס באמת? איז ווערט פארנומען צו זיין א מלאך מליץ פאר זיי. אום ראש השנה זאלט איר רעדן פאר זייערטוועגן; רעדט נאכאנאנד איבער די מעלות פון אונזער פאלק. "באשעפער, זע וויפיל צדקה כלל ישראל געבט! זיי געבן מעשר, א צענטל פון זייערע פארדינסטן, געוויסע געבן אפילו מער! זיי זענען רחמנים בני רחמנים. זיי זענען מיטפילנד! אפילו אויף גוים; (מפני דרכי שלום, עי' גיטין

סא.) אידן האבן מער רחמנות אויף גוים ווי די גוים האבן צווישן זיך. וואו קענסטו טרעפן נאך אזא פאלק, באשעפער?"

טראכט נישט בלויז די ווערטער - זאג זיי ארויס! "דאס איז א פאלק וואס געבט אויף תענוגים פאר דיינעטוועגן, באשעפער. זיי קומען ביינאכט אין בית המדרש צו לערנען! נאכט נאך נאכט! אידישע פרויען גייען נישט צו קיין טעאטערס; זיי זוכן נישט קיין אונטערהאלטונגען. זיי זענען פרייליך מיט זייערע פליכטן אינדערהיים; זיי טרעפן זייערע תענוגים אינדערהיים, ערציענדיג קינדער זיי זאלן דיר דינען. אידישע פרויען וואנדערן נישט ארום צו זוכן פארוויילונגען; זיי מישן זיך נישט אויס מיט אנדערע מענטשן! פרומע אידישע טאטעס און מאמעס זענען פארנומען טאג און נאכט צו האדעווען זייערע קינדער פאר דיר, באשעפער. זיי זענען מקריב זייערע לעבנס פאר דעם.

"זיי האלטן זיך אפ פון תענוגים. ווען זיי פארן ארויס פון שטאט וואו עס זענען נישטא קיין אידישע רעסטוראנטן, עסן זיי נישט. פינטל. זיי זענען הונגעריג, זיי ווילן עסן, אבער זיי קענען נישט ארייגניין אין דעם רעסטוראנט. וואו טרעפסטו א פאלק וואס איז וויליג צו ליידן פאר זייערע השקפות?

## א הייליג פאלק

"און זייערע מלבושים טארן נישט האבן קיין שעטנז. יעדער איד ווען ער קויפט אן אנצוג, מוז ער באקוקן צי ס'האט נישט קיין שעטנז. א פרומער איד קען נישט רעדן לשון הרע. זייער פיל מענטשן היטן אפ זייער צונג. היינט צוטאגס זענען זייער פיל אידן פארזיכטיג מיט וואס זיי רעדן, נישט צו בארעדן א צווייטן איד. זעלבסט קאנטראל. א הייליגע השגה, קודש קדשים! וואו טרעפסטו אזעלכע זאכן? ווי אנשטענדיג זענען פרומע אידן!"

צי געפינט מען א לאו פון יחוד צווישן גוים? א מענטש קומט און ער וויל שלאפן ביי דיר אין הויז און דו זאגסט, "גוט, אבער איך דארף גיין צו די ארבעט מארגן אינדערפרי. וועסטו אויפשטיין פרי צו קענען ארויסגיין פון הויז צוזאמען מיט מיר? איך קען דיר נישט לאזן אין הויז אליין מיט מיין ווייב."

צווישן גוים, איז דאס אומדערהערט. עס וואלט געווען אזוי נישט בא'טעמ'ט, אזוי נישט מענטשליך, אבער אידן רעדן אפן איבער יחוד. זיי רופן אן דעם רב צו פרעגן שאלות איבער יחוד. א איד'ס ווייב געפינט זיך אין שפיטאל, אין קימפעטארן אפטיילונג. ער איז אליין אינדערהיים מיט קליינע קינדער און זיין ווייב'ס שוועסטער קומט אכטונג געבן אויף די קינדער. רופט ער אן דעם רב פרעגן וואס זאל ער טון? זאגט דער רב, "דו דארפסט ארויסגיין פון הויז." צי האט איר אמאל געהערט אזא זאך צווישן גוים? דאס איז אן עם קדוש! א הייליג פאלק! נאכאנאנד טרעפן זיך אידן אן מיט אזעלכע סיטואציעס און זיי זענען מקיים די הלכות!

## רעד פאר דיין קהילה

למעשה, איך זאג אייך דאס נישט בלויז פאר מיינעטוועגן - איך זאג אייך וואס איר דארפט צו זאגן! רוף זיך אן! אודאי, דו טראכסט אויך וועגן זיך; **חייך קודמין** - זיכער זאלסטו טראכטן פון זיך. אבער אין צוגאב צו זיך אליין, טראכט נישט אז דאס איז גענוג; דו מוזט זיך זארגן נישט נאר איבער דיין ווייב און קינדער, נישט נאר איבער דיין איידעם און שנור, נאר איבער דיין גאנצע פאלק.

דאס איז פארוואס מיר זענען מתפלל בלשון רבים; ווייל עס גייט אונז אן פונעם רבים. ערשטנס, דיין אייגענע קהילה. **בָּרְכֵנוּ אָבִינוּ, כֻּלָּנוּ כְּאֶחָד יַחַד בְּאוֹר פָּנֶיךָ**. אלע פון אונז דא! אין דיין קהילה,

אום ראש השנה. דאוון פאר זיי. "באשעפער! האב רחמנות אויף מיין קהלה! זיי קומען אהער יעדן טאג, דריי מאל א טאג צו דאווענען. די דאזיגע קומען אין אוונט צו לערנען. די דאזיגע קומען פרי יעדן פרימארגן פאר'ן דאווענען. די דאזיגע קומען אין ביידע צייטן. זיי קומען פאר דיינעטוועגן, באשעפער."

און אזוי, בשעת יעדער זיצט און זינגט די ניגונים פון ראש השנה, נעמסטו אויך אנטייל אינעם זינגען - פארוואס נישט - נא,נא, נא, אוי, אוי, אוי - אבער פארגעס נישט זיך ארומצוקוקן אויף אלע מענטשן אין דיין בית הכנסת, אין דיין בית המדרש און רעדן פאר זייערטוועגן.

## ווערן א מלאך

נישט נאר כלליות'דיג; ווי ווייט דו קענסט, רעד פרטיות'דיג. דו זעסט א חבר קעגנאיבער דעם צימער, דאוון פאר אים: "אאה, באשעפער! ער איז א גוטער מענטש! דער מענטש ארבעט א גאנצן טאג אין אפיס פאר דיינעטוועגן. ער וואלט הנאה געהאט צו זיצן א גאנצן טאג אויף די קאנאפע אבער ער שטייט אויף פרי יעדן טאג און לויפט ארויס צום אפיס צו מאכן פרנסה. פארוואס? פאר וועמען? ער ארבעט כדי ער זאל קענען אויספירן זיין צוזאג וואס ער האט געמאכט אין די כתובה. ער ברענגט אהיים געלט פאר רענט אז ער און זיין ווייב זאל קענען בויען א בית המקדש.

"ער ארבעט צו באצאלן שכר לימוד, אז זיינע קינדער זאלן קענען גיין אין ישיבות און שולעס. שכר לימוד קאסט אסאך געלט. און די ליבעראלע אידן מאכן עס נישט גרינגער דורך זיך קריגן קעגן די פרומע שולעס צו באקומען געלט פון די רעגירונג. אבער נישט קיין חילוק, ער באצאלט. און כדי צו קענען פארזעצן צו באצאלן גרויס געלט פאר כשר'ע עסן; כשר'ע עסן קאסטן פיל מער ווי די גוי'שע עסן. עס קומט זיך אים גוטע געזונט! רבונו של עולם, געב אים א גוטע יאר!"

"אה," זאגט דער באשעפער, "דו לערנסט זיך פון די מלאכים. דאס איז פארוואס איך האב באשאפן מלאכים. איך דארף זיי נישט האבן אבער איך האב זיי געמאכט צו דינען אלס א ביישפיל פאר דיר, דו זאלסט זיך לערנען פון די מלאכים. פונקט ווי די מלאכים רופן זיך אן און דו זעסט אז איך הער זיך צו צו זיי, וועל איך אויך צוהערן צו דיר. דו פארטיידיגסט איינעם; דו ביסט יעצט א מלאך מליץ!"

## פארמערט זכותים

און ס'איז דא מער דערצו; עס וועט דיר אויך ראטעווען. ס'איז א גוטע אינוועסטמענט ווען דו טוסט זיך איינגעוואוינען צו רעדן פאר אנדערע אידן'ס וועגן ווייל **הַדָּן אֶת חֲבֵרוֹ לְכַף זְכוּת הַמָּקוֹם יְדִינֵהוּ לְכַף זְכוּת** - ווער עס משפט זיין חבר צום גוטן, וועט גע'משפט ווערן צום גוטן דורך דעם באשעפער (שבת קכז:). "אה," זאגט דער באשעפער, "דו ווילסט ער זאל זיין א זכאי? דו ביסט אינטערעסירט אין דעם גוטן מזל פון מיין פאלק? דאן בין איך אינטערעסירט אין דיין גוטן מזל. אויב ביסטו א מלאך מליץ פאר יענעם, דאן וועל איך צוהערן צום מלאך מליץ וואס רעדט פאר דיינעטוועגן.

און אזוי, אויב א מענטש לייגט צו דעם יסוד פון זיין א מלאך מליץ צו זיין עבודה פון ראש השנה - אויב ער איז מתפלל פאר אנדערע אידן און משפט זיי לכף זכות; ער וויל זיי זאלן האבן הצלחה און זוכה זיין בדין און דערפאר רעדט ער פאר זייערטוועגן, דאן זאגט דער באשעפער, "דאס איז דער זכות וואס גייט דיר געבן א זכות. איך זע דו ביסט א מענטש וואס האט געלערנט די לערע פון מיינע מלאכים און בלויז צוליב דעם קומט זיך דיר צו זוכה זיין צו א כתובה וחתימה טובה."

# שאלות ותשובות
## מיט הגאון ר' אביגדור מיללער זצ"ל

### שאל אביך ויגדך זקניך ויאמרו לך

### שאלה:

**יעדע יאר פאר עס קומט ראש השנה, נעם איך זיך פאר קבלות זיך צו פארבעסערן אין פארשידענע היניזיכטן אין מיין עבודת ה'. אבער אט שטיי איך א וואך פאר נאך א ראש השנה, דער זעלבער שלעפער וואס איך בין אלעמאל געוועזן.**

### תשובה:

לאזט מיר אייך זאגן עפעס. איר זענט נישט די זעלבע. טראכט נישט אז איר זענט די זעלבע. איר ווערט ערגער! בשעת עס גייט פארביי צייט, איז **עבר אדם עבירה ושנה בה נעשית לו כהיתר** - איינער וואס טוט אן עבירה, און ער חזר'ט עס איבער נאכאמאל און נאכאמאל, ווערט עס אין זיינע אויגן ווי מותר (יומא פז.). איז אויב איר ווערט נישט בעסער, דאן ווערט איר ערגער.

ווען איר נעמט זיך אונטער א קבלה בלי נדר, דארפט איר טון עפעס ספעציפיש; כאטש איין ספעציפישע זאך אויף וואס איר גייט ארבעטן צו טוישן. **תפסת מרובה לא תפסת** - אויב פראבירט איר צו כאפן צופיל אויפאמאל, ווערט איר גארנישט כאפן בכלל. ס'וועט ארויספאלן פון אייערע הענט. צו זאגן כלליות'דיג, "איך גיי זיין גוט די יאר" איז בעסער ווי גארנישט, אבער נישט צופיל בעסער.

איר דארפט אנדייטן עפעס קלאר אראפגעשטעלט. זאגט, "די יאר, נישט קיין חילוק ווי אזוי מיין ווייב וועט זיך פירן צו מיר, נישט קיין חילוק וויפיל זי וועט מיר באדערן און קריטיקירן און נוזשען, וועל איך איר גארנישט ענטפערן אומאיידל. איך וועל האלטן מיין מויל פארמאכט." דאס איז שוין עפעס ספעציפיש. **תפסת מועט תפסת** - ס'איז עפעס באגרעניצט, ס'איז עפעס אויף וואס איר קענט זיך אנהאלטן.

לאמיר זאגן איר האט זיך אונטערגענומען א קבלה צו לערנען תורה. זאגט נישט, "איך גיי אנהייבן לערנען ערנסטער די יאר." דאס איז צו ברייט, צו פארנעפלט. טוט עס אזוי: "בלי נדר, וועל איך לערנען יעדן טאג פופצן מינוט, נישט קיין חילוק וואס." און דאן, טוט עס. לערנט יעדע נאכט פופצן מינוט; ס'איז בעסער ווי גארנישט. סיי וואו אימער, נעמט ארויס א ספר און לערנט פופצן מינוט. איר ווילט לערנען א שעה, זייער גוט, איך האלט אייך נישט אפ. אבער יעדע נאכט, לערן פופצן מינוט. אדער גייט צו א שיעור יעדע נאכט. דאס איז נאך בעסער. יעדע נאכט, נישט קיין חילוק וואס. דאס איז א קבלה וואס איז א **דבר שיש בו ממש**; ס'איז קלאר אויסגעלייגט, ס'איז עפעס אין וואס איר קענט אריינבייסן.

אלזא, כאטש וואס ס'זענען דא אמאל אזויפיל מער זאכן וואס איר דארפט צו טון וואס איר טוט נישט, אבער כאטש איז דא איין זאך וואס איר טוט. און דער באשעפער זעט אז איר גייט אין גוטן ריכטונג. און אויב גייט איר אין גוטן ריכטונג, דאן **הבא לטהר מסייעין אותו** - אויב איר פראבירט צו ווערן בעסער, וועט ער דיר העלפן גיין ווייטער און ווייטער (מנחות כט:). אבער איר דארפט טון כאטש איין זאך! און דאן וועט איר באקומען סייעתא דשמיא צו טון מער און מער.